# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת לך לך תשפ"ד שנה י | גליון מס' 504

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'אלוקי יעקב' און נישט 'אלוקי ישראל'

**"וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה" (יב ב)**

עס איז באקאנט די קשיא, פארוואס אנהויב 'שמונה עשרה' זאגן מיר: 'אלוקי יעקב' און נישט 'אלוקי ישראל', עס שטייט דאך אין פסוק (בראשית לה י): "לֹא יִקָּרֵא שִׁמְךָ עוֹד יַעֲקֹב כִּי אִם יִשְׂרָאֵל"?

**ערקלערט רבי שמשון אויסטראפאליער:**

די נעמען פון די דריי אבות זענען צוזאמען דרייצן אותיות, אזוי ווי די גימטריה פון "אחד", און אזוי אויך די נעמען פון די פיר אמהות, ווייל זיי האבן אויף דער וועלט מפרסם געווען יחוד שמו ית'. צו דעם, די צאל פון די אותיות פון די נעמען פון די אבות און די אמהות זענען צוזאמען זעקס און צוואנציג, אזוי ווי די גימטריה פון שם הוי"ה. דערפאר, כדי נישט צולייגן אויף די צאל פון די אותיות, דערמאנען מיר דעם נאמען 'יעקב' און נישט דער נאמען 'ישראל' - ווייל אויב מען וועט יא זאגן ישראל וועט צוקומען איין אות צו די צאל פון די נעמען פון די אבות.

לויט דעם ערקלערט רבי שמשון די דרש פון די חכמים (פסחים קיז ב, הובאה ברש"י כאן) אויף די ווערטער "וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ" - "זהו שאומרים 'אלקי יעקב'": אויב וואלט הקב"ה נישט גרעסער געמאכט די נאמען פון 'אברם' אויף 'אברהם', וואלט געפעלט איין אות פון די דרייצן אותיות פון די נעמען פון די אבות, און כדי עס משלים זיין וואלטן מיר געדארפט זאגן "אלוקי ישראל". אבער ווייל דער אויבערשטער האט פארגרעסערט דער נאמען פון אברהם, "זהו שאומרים 'אלוקי יעקב'" - כדי נישט צולייגן אויף די צאל.

דער ענין איז אויך מרומז אין פסוק (ישעיה מ כז): "לָמָּה תֹאמַר יַעֲקֹב וּתְדַבֵּר יִשְׂרָאֵל נִסְתְּרָה דַרְכִּי מֵה'"; דער נביא וואונדערט זיך: "למה תאמר אלוקי יעקב" און נישט "אלוקי ישראל"? און ענטפערט: ווייל אויב מיר וועלן זאגן "אלוקי ישראל" וועט זיין מיט איין אות מער ווי די גימטריה פון שם הוי"ה - זעקס און צוואנציג - און עס וועט זיין אין די בחינה פון: "נִסְתְּרָה דַרְכִּי מֵה'"

'ניצוצי שמשון'

לויט דעם טייטש דער **'אוהב ישראל'** פון אפטא דעם פסוק (תהלים קכד א): "לוּלֵי ה' שֶׁהָיָה לָנוּ יֹאמַר נָא יִשְׂרָאֵל" - ווען די צאל אותיות פון די נעמען פון די אבות און אמהות וואלט נישט געווען אזוי ווי די גימטריה פון די שם הוי"ה, דעמאלטס: "יֹאמַר נָא יִשְׂרָאֵל" - וואלטן מיר געקענט זאגן "אלוקי ישראל".

'רזין דאוריתא' דף ו ע"א

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### מאה ברכות מיט א אינערליכע דאנק

דער זוהר הקדוש אין אונזער פרשה (עז א) שרייבט אז די ווערטער "לך לך" זענען בגימטריה 100, און דרש'נט אז דער ערשטער פסוק אין אונזער פרשה אנטפלעקט אז בעפאר די נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט, מאכט הקב"ה מיט איר א תנאי ז' זאל זאגן יעדן טאג מאה ברכות.

און טאקע אזוי, דורכאויס דעם גאנצן טאג זענען מיר ארומגענומען מיט ברכות; ברכות השחר, ברכות ביים דאווענען, ברכות הנהנין און ברכות המצוות. הונדערט מאל און נאך מער זענען מיר זוכה דאנקן יעדן טאג פארן "מלך העולם".

די ברכות, וואס דער עיקר איז דאנקבארקייט צו הקב"ה אויף די גוט'ס און שפע וואס ער געבט אונז מידו המלאה והרחבה בכל עת ובכל שעה, רוחניות און גשמיות. דערפאר איז וויכטיג אז מיר זאלן זיי נישט זאגן ווי פון געוואוינהייט און מצות אנשים מלומדה, נאר פריער זיך אפשטעלן און ארייננקלערן אויף וואס מיר ווילן דאנקן, און נאר נאכדעם זאגן די ברכה.

לויבן השי"ת איז דער מהות פון א איד, און דאס איז דער טייטש פון זיין צונאמען - 'יהודי'. אויב מיר וועלן אכטונג געבן צו זאגן די מאה ברכות ווי עס דארף צו זיין, מיט כוונה און התבוננות, וועט אויסקומען אז מיר רופן אויס נאך און נאך מאל, מיט שטאלץ און זיכערקייט: "יא, טאקע אזוי, מיר זענען אידן!".

די דערמאנטע התבוננות איז ספעציעל וויכטיג ביים זאגן די 'ברכות השחר' - אין וואס מיר דאנקן אויף די געהעריגע פונקציאנירונג פונעם גאנצן קערפער. די ברכות וואס זענען פון אנהייב געווען באזונדערע ברכות, אויף יעדע הנאה אין איר צייט, ווערן היינט געזאגט אלס איין שטיק, ווי איין לאנגע תפילה... א זאך וואס קען גרינגערהייט צוברענגען אז אונז זאלן פארפעלן די אינערליכע דאנק-געפילן וואס מיר וואלטן געפילט אויב מיר זאגן ווען יעדע ברכה אין איר צייט.

איך האב אמאל געטראכט א וואונדערליכע עצה וואס קען העלפן אויף דעם: עס זענען פארהאן סידורים וואס בעפאר ברכת התורה איז דא א תפילה: "הנני מוכן ומזומן לקיים מצות עשה לברך על התורה...". געררעכט אז ברכת התורה איז א מצוה מן התורה, אבער פארוואס זאלן מיר נישט טוהן אזוי פארן זאגן יעדע ברכה; צ.ב.ש. פאר די ברכה "הנותן לשכוי בינה", זאלן מיר זאגן: "הנני מוכן ומזומן לקיים מצות חכמים להודות על הדעה", בעפאר "שלא עשני גוי", זאלן מיר אינזין האבן לויבן אויף די תורה און מצוות וואס נאר מיר אלס אידן האבן צו דעם זוכה געווען, א. א. וו.

עס זעהט אויס אז אויך די עצה איז מרומז אין דער פסוק וואס מיר האבן אנגעהויבן: כדי צו זאגן "לך לך" ברכות ווי עס דארף צו זיין, דארפן מיר זיך אפרייסן און זיך דערהייבן "מארצך" - פון דיין נאטורליכן ארציות וואס ברענגט צו אז דער מענטש זאל זאגן די ברכות ווי מצות אנשים מלומדה און אן די ריכטיגע כוונה.

און צום שלוס, לאמיר נישט פארגעסן אז אין די חוב פון זאגן מאה ברכות איז אויך אריינגערעכנט די חוב זיי צו זאגן בקול רם אין די אויערן פון אייגער וואס וועט ענטפערן נאך זיי 'אמן' - וואס כידוע איז עס א טייל פון די ברכה, און א ברכה וואס ווערט געזאגט אין די אויערן פון אנדערע, פון זיך אליינ'ס ווערט עס געזאגט מיט די ריכטיגע כוונה און התרוממות הנפש.

**מיט א רוף "לך לך מארצך וממולדתך"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# — דער צדיק וואס האט זיך אנטפלעקט נעבן זיין ציון —

דער בעל 'שבט הלוי', איז ביי אלעמען באקאנט אלס א גאון אדיר אין תורה און פוסק הדור. אבער נישט אלע ווייסן פון זיין גרויסן חלק אין תורת הנסתר און אין די פארבארגענע עולם הסוד. גאר זעלטן האט ער אביסל אויפגעהויבן זיין מאנטל, און אנטפלעקט א טפח און פארדעקט צווי טפחים פון זיין גרויסקייט, די באהאלטענע און פארבארגענע.

צוליב זיין גרויסע קדושה און געוואלדיגע מעלות האט ער אויך זוכה געווען צו הימלישע חזיונות; נישט איינמאל האבן זיך באוויזן צו אים אין זיינע חלומות פריערדיגע צדיקים און אים איבערגעגעבן סודות און גלויים פון אויבן. צו געוואלדיגע מעלות אין תורה און אין עבודת ה' איז ער צוגעקומען צוליב די חלומות, און צוליב זיין געוואלדיגע שעצונג אויף דעם, האט ער אויך פארפאסט א ספעציעלער חיבור אין וועלכע ער האט געברענגט א טייל פון די גילויים וואס זענען פאר אים אנטפלעקט געווארן. דער חיבור איז נישט פארשפרייט געווארן, אבער עטליכע פון זיינע נאנטע תלמידים האבן געהאט די זכיה ארייננקוקן און זענען דערשטוינט געווארן פון די גרויסקייט פון זייער רבי'ן.

דא פאר אונז איז פארהאן א וואונדערליכע מעשה וואס האט פאסירט מיט מער ווי צעהן יארן צוריק, אין די לעצטע יארן פון רבינו בעל 'שבט הלוי', וואס איז געווען איינס פון די זעלטענע פעלער וואס דער גאון האט אנטפלעקט אביסל פון זיינע מדריגות:

די מעשה איז געווען מיט זיינ'ס א מקורב, א חשובער און איידעלער יונגערמאן וועמענ'ס


דער ציון פון רבי לייב בעל היסורים אויפן אלטן בית החיים אין צפת.
זיין יארצייט געפאלט אויס אין דעם קומענדיגן מאנטיג - ט"ו חשון

טאכטער איז עלטער געווארן און איר שידוך האט פארשפעטיגט צו קומען, און כדי זי זאל געהאלפן ווערן האט ער זיך אונטערגענומען צו גיין צו די הייליגע שטאט צפת און אויסזאגן גאנץ ספר תהלים אויפן ציון פון דעם בארימטן צדיק 'רבי לייב בעל היסורים'. רבי לייב איז געווען איינער פון די גרעסטע תלמידים פון 'בעל התניא', און זיין ציון אויפן אלטן בית החיים אין צפת איז באקאנט אלס א פלאץ וואס איז מסוגל אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן.

עס איז געווען אין א ווינטערדיגע טאג, אבער דער יונגערמאן, וועלכער האט געהאט אין דעם טאג די מעגליכקייט זיך ארויסלאזן קיין צפת, האט באשלאסן נישט אפשטופן די געלעגנהייט. ער איז ארויס פון בני ברק אין א פרי צייט צו האבן גענוג צייט אויסזאגן גאנץ ספר תהילים ווי ער האט זיך אונטערגענומען.

ער איז שוין געפארן רוב פונעם וועג, אבער פונקט צום סוף האט די באס אנגעהויבן צו פארן שטייט. אונזער באקאנטער האט א ארויסגעקוקט דורכן פענסטער און באלד פארשטאנען די סיבה; ברעקעלעך ווייסע שניי געמישט מיט רעגן האבן אנגעהויבן פאלן, די וועטער איז געווארן מער און מער שטורמישער ווי דער וועג האט זיך דערנענטערט קיין צפון, די שמועות האבן געזאגט אז עס האט שוין אנגעהויבן צו פאלן א ערנסטע שניי אין צפת, און עס איז ארויפגעקומען א ערנסטע זארג אז די וועלכע קומען קיין צפת וועלן געצווינגן זיין בלייבן א לאנגע צייט 'שטאק' אויפן ארט.

ווען דער באס איז אנגעקומען צופוס'נס פון דער שטאט צפת, האבן א טייל פון די באס פאסאזשירן באשלאסן צוריקפארן קיין בני ברק, אבער אונזער באקאנטער איז געווען שטארק אין זיין באשלוס אויספירן זיין קבלה און אנקומען צום ציון.

דער יונגערמאן האט פארגעזעצט זיין נסיעה, און ווען ער איז ענדליך אנגעקומען העכער דעם אלטן בית החיים אין צפת, האט שוין די שניי פארדעקט דעם גאנצן געגנט. אויף א מינוט האט דער יונגערמאן זיך געזארגט אויב ער וועט קענען געפינען דעם פלאץ צוליב די שניי, אבער ער האט זיך גלייך בארואיגט, ווען ער האט דערזען פון דערווייטנ'ס א געשטאלט וואס שטייט גוט איינגעוויקלט נעבן דעם הייליגן ציון.

דער יונגערמאן איז פארזיכטיג צוגעגאנגען צום ארט און דערקענט אז עס רעדט זיך פון א איד וואס זאגט אויך תהילים ביים ציון, ער האט ארויסגענומען פון זיין קעשענע א תהילים, און נאכדעם וואס ער האט זיך איינגעוויקלט אין זיין שאל, האט ער אויך אנגעהויבן זאגן דעם ספר תהלים, און אזוי ביזן ענדיגן איז דער איד געשטאנען נעבן אים און אויך מתפלל געווען.

טראץ דער שווערער קעלט האט דער יונגראמאן אויסגעזאגט גאנץ תהלים, און דאן האט ער זיך געאיילט אנקומען צו די סטאנציע כדי זיך אומקערן צו זיין שטוב. אבער ווידער האט ער זיך דערזעהן אין א פראבלעם; ווי וועט ער געפינען די וועג וואס איז פארדעקט מיט שניי? ער האט געקוקט ארום זיך, דער פלאץ איז געווען וויסט ווען אלע מענטשן זענען באהאלטן אין די אנגעהייצטע הייזער, ער וואלט פארצווייפלט געווארן ווען נישט ער האט מיטאמאל אנטדעקט דעם זעלבן איד וואס איז געשטאנען פריער נעבן אים האט זיך אנגעטראגן אים באגלייטן ביז דער סטאנציע, און דער יונגערמאן איז אים נאכגעגאנגען.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו די באס סטאנציע, האט דער יונגערמאן געוואלט זיך באדאנקען פאר זיין באגלייטער, אבער צו זיין גרויסן ווינדער, פונקט ווי ער האט זיך באוויזן, איז ער אויך פארשוווינדן געווארן; מיטאמאל, ווי ער וואלט איינגעשלונגען געווארן אין די שניי, און איז מער נישטא.

בחסדי שמים האט דער שניי זיך נישט אויפגעהויבן זייער הויך, און דער יונגערמאן האט געהאט מיט וואס אהיים צו פארן. ווען ער איז אנגעקומען אין שטוב האט ער דערציילט זיין ווייב וואס עס האט פאסירט, און אין זיינע ווערטער האט ער שפעקולירט אפשר דער איד וואס איז געווען אזוי גוט צו אים איז נישט קיין אנדערער ווי אליהו הנביא זכור לטוב. זיין ווייב האט א שאקל געטוהן מיטן קאפ, עס קען זיין, אז צוליב די קעלט האט איר מאן אנגעהויבן פאנטאזירן...?! - האט זי זיך געוואונדערט.

אבער דער מאן האט זיך נישט בארואיג, ער איז געווען אן ערנסטער מענטש, און עפעס אין הארצן האט אים געמאכט גלויבן אז ער האט נישט קיין טעות. אין די ערשטע געלעגנהייט האט ער דערציילט די מעשה פאר זיין רבי'ן דער 'שבט הלוי', וועלכער האט געשמייכלט צו אים און בארואיגט אז עס איז א שאד פארכאפט ווערן אין דמיונות, עס איז זיכער געווען א פשוטער מענטש, אבער א געשיקטער צו ווערן פארשווינדן...

די מעשה וואלט געקענט פארגעסן ווערן, אויב נישט אויפצומארגנ'ס האבן זיך געהערט קלאפן אויפן טיר פון דעם יונגערמאן אונזער באקאנטער. ביים טיר איז געשטאנען א ספעציעלער שליח פון הרב וואזנער'ס הויז: "דער רבי וויל דו זאלסט קומען צו אים" - האט ער געזאגט, און זיך אויסגעדרייט צוריק גיין צו זיין וועג. איבערראשט און אויפגעציטערט האט יונגערמאן זיך געאיילט אים נאך גיין. ביים אריינקומען האט אים זיין רבי באגריסט מיט א שמייכל און געבעטן זיין אנטשולדיגונג: "איך טו זיך אנטשולדיגן אז איך האב נעכטן אפגעווארפן אייערע ווערטער", האט דער שבט הלוי אנגעהויבן, און תיכף צוגעגעבן: "עס איז טאקע נישט געווען אליהו הנביא, אבער עס איז נישט געווען א לעבעדיגער מענטש אויך. עס איז געווען רבי לייב בעל היסורים בכבודו ובעצמו. און אויב דו פרעגסט פון וואו איך ווייס דאס, וועל איך דיר זאגן, אין דער נאכט האט ער זיך אנטפלעקט צו מיר מיט זיין שיינעם אויסזען און מיר געזאגט: 'איך בין רבי לייב בעל היסורים, איך בין אליין געווען מיט דעם יונגערמאן די גאנצע צייט וואס ער האט געזאגט תהילים נעבן מיין קבר. איך האב אים נישט געוואלט לאזן אליין אין א טאג פון שניי, און דערפאר האב איך אים באגלייט ביז צום פארן אויף צוריק. איך בעט אייך איר זאלט אים איבערגעבן אז זיין תפילה איז אנגענומען געווארן, און אין דעם קומענדיגן חודש וועט זיין טאכטער געפינען איר ריכטיגן זיווג...".

פארשטייט זיך, אז פונקט אזוי ווי עס איז געזאגט געווארן, איז טאקע געווען, ארום א חודש שפעטער איז זיין טאכטער א כלה געווארן מיט א חשובער בן תורה, ויהי לפלא.

'לקראת שבת מלכתא' פרשת כי תצא

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

## נײַנציג אמנים אין א טאג

### נײַנציג אמנים אויף ברכות

**דער מענטש דארף יעדן טאג ענטפערן לכל הפחות נײַנציג אמנים אויף ברכות, אויסער די אמנים וואס ער ענטפערט אויף די קדישים, די חכמים ברענגען א רמז אויף די ציפער צוזאמען מיט די ציפערן פון די אנדערע דברים שבקדושה, אין דער פסוק (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים", "צדי"ק" איז ר"ת: צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות. אבער עס זענען דא וואס קריגן און האלטן אז אויך די אמנים וואס מען ענטפערט אויף א קדיש זענען זיך מצטרף צו דער צאל.**

#### מקורות וביאורים:

אין 'תיקוני זהר' (תקונא תשסרי מ ב) ווערט געברענגט אז די צאל פון די דברים שבקדושה איז מרומז אין די ווארט 'צדקה', וואס איז ר"ת: צ' אמנים, ד' קדושות, ק' ברכות, ה' חמשה חומשי תורה. אבער אין ספר חרדים (פרק סו אות קעז), און אין שו"ת הרמ"ע מפאנו (סי' קט) ברענגען זיי א אנדערע גירסא אין תיקוני זהר אז די צאל פון די דברים שבקדושה זענען מרומז אין די ווארט "צדיק", און אנשטאט ה' חומשי תורה רעכנט מען אריין י' קדישים. לויט די גירסא שרייבט דארט הרמ"ע מפאנו (שם) אז צו די צאל פון די נײַנציג אמנים קען מען מצרף זיין נאר אמנים וואס ווערן געענטפערט אויף ברכות, ווייל לויט די גירסא איז עקסטער אויסגערעכנט די נײַנציג אמנים און עקסטער די צעהן קדישים.

אבער דער 'ילקוט מעם לועז' (בראשית יח ל אות קעה) נעמט אן אז אויך די אמנים וואס מען ענטפערט אויף די קדישים קען מען אריינרעכנען אין דער צאל. און זײַנע ווערטער זענען געבויעט אויף דעם וואס ער נעמט אן די גירסא וואס מיר האבן אין תיקוני זהר אז די צאל פון די דברים שבקדושה זענען מרומז אין די ווארט 'צדק"ה'. פון דעם וואס לויט די גירסא ווערן נישט גערעכנט עקסטער די קדישים, קומט אויס אז מען קען אריינרעכענען אין די צאל פון די נײַנציג אמנים אויך די אמנים וואס מען ענטפערט אויף קדישים. און אזוי שטייט אין ספר 'שלחן הטהור' פונעם 'היכל הברכה' (רטו ד). אויך אין 'פירוש רש"י ובית מדרשו' אויף די פיוטים פון די ד' פרשיות (יצא לאור מכת"י, ניו יארק תשע"ד) שטייט קלאר אז די אמנים אויף די קדישים זענען זיך מצטרף צו די צאל פון נײַנציג, און אזוי שטייט דארט (יוצר לפרשת זכור, עמ' פט): "עס זענען דא וואס דרש'ענען 'גוי צדיק' דאס זענען די צדיק (=90) אמנים וואס מען ענטפערט יעדן טאג סיי ביי שמונה עשרה, און קדישים וואס מען ענטפערט ביי שחרית און מנחה. און זעה דארט אז לויט זײַן דיעה איז די אות י' אין די ווארט "צדיק" נישט מרמז אויף די י' קדישים, נאר אויף די צעהן מענטשן וואס פעלן אויס צו א מנין.

אבער דער הרמ"ע מפאנו (שם) וואונדערט זיך אז לויט די גירסא קומט אויס אז יעדן טאג דארף מען לערנען די גאנצע חמשה חומשי תורה, און דאס איז נישט שווה לכל נפש אזוי ווי די איבריגע דברים שבקדושה וואס ווערן אויסגערעכנט אין די צאל, וויאזוי קען זײַן מען זאל ערווארטן פון יעדער מענטש ער זאל אזוי טוהן יעדן טאג? צוליב דעם פירט ער אויס אז די גירסא וואס זאגט אז די ציפערן זענען מרומז אין 'צדי"ק' איז די ריכטיגע. אבער זעה אין 'ניצוצי זהר' (תיקו"ז סוף ההקדמה טז ב) וואס ערקלערט אז די כוונה פון זוהר ביים אויסרעכענען די חמשה חומשי תורה איז צוהערן קריאת התורה אין די טעג וואס די חכמים האבן מתקן געווען צו ליינען אין זיי, און נישט צו מחייב זײַן לערנען יעדן טאג חמשה חומשי תורה [אבער זײַנע ווערטער זענען צ"ע, ווייל עס קומט אויס אז דער חיוב פון חמשה חומשי תורה איז נישט קיין טעגליכע חיוב אזוי ווי די איבריגע, ווייל נישט יעדן טאג ליינט מען אין תורה].

### נײַנציג אמנים פארן דאווענען

**עס זענען דא וואס שרייבן אז מען דארף ענטפערן די אלע נײַנציג אמנים נאך בעפאר די שמונה עשרה פון שחרית.**

#### מקורות וביאורים:

אזוי שטייט אין 'הגהות בני אבא' אויפן ספר 'פתורא דאבא' פון מהרח"ו (ענין ברכות השחר אות ו) אין נאמען פון 'עטרת צבי' פון זידיטשויב. און ברענגט א ראיה פון דעם וואס אין 'תיקוני זהר חדש' (תיקונא א מא ב) ווערט געברענגט אז דער וואס האט נישט געענטפערט נײַנציג אמנים, זאל אינזין האבן ביי די פופצן ווי"ן וואס ווערן גזאגט ביי די ווערטער וואס מיט זיי הייבט זיך אן די תפילה "אמת ויציב ונכון", וואס צוזאמען מיט די אות א' אנהויב די ווארט: "אמת", זענען זיי גימטריה צ"א אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן' (ראה דרכי משה או"ח סא א), און אויב עס וואלט נישט געווען קיין חיוב צו דערגרייכן צו נײַנציג אמנים בעפאר די שמונה עשרה פון שחרית, פארוואס דארף מען אינזין האבן יוצא זײַן ביי די תפילה פון "אמת ויציב", מען קען דאך זיי משלים זײַן מיטן הערן די הויכע שמונה עשרה ביי שחרית און מנחה, און מיט הערן אנדערע ברכות. און זעה אין ספר 'תולדות אהרן' (פר' שופטים) וואס שרייבט אז מיט ענטפערן נײַנציג אמנים פארן דאווענען ווערן געעפענט די שערי תפילה.

# אוצרות אמונים

## ענטפערן אמן מיט כוונה

### ווי ווײַט מען דארף אכטונג געבן אינזין האבן

די משנה אין מסכת ברכות (לד א) זאגט אז דער שליח ציבור זאל נישט ענטפערן אמן נאך ברכת כהנים, אלס זארג אז ער וועט זיך פארטומלען ביים אויפליינען די קומענדיגע ווארט פון די ברכת כהנים.

רבי אליעזר בן ציון ברוק, ראש ישיבת נאבהארדאק האט געזאגט, פון דעם וואס מיר זעהן אז די חכמים האבן מורא געהאט אויפן ווערן צומישט צוליב ענטפערן אמן, טראץ עס איז א קורצע ווארט וואס איז געוואוינט ביי יעדן אין מויל, קען מען זיך אפלערנען ווי גרויס איז די חוב זיך צו קאנצענטרירן און ענטפערן מיט כוונה. און לייגט צו אז דאס איז די כוונה פון רש"י וואס טייטש (שם ד"ה מפני): "ובעונותו אמן לא יוכל לכוון מהר ולהתחיל בברכה שלאחריו", ד.מ. דער חשש איז טאמער ווען דער חזן וועט ענטפערן וועט ער נישט קענען אניאגן אינזין האבן, און אין דער זעלבער צייט ווייטער אויפליינען די ברכה (מתוך מכתב שהתפרסם בחתימתו בקונטרס' שומר אמנים' עמ' 59).

### 'אמן אלמנה'

אין מסכת ברכות (מז א) ווארענען אן חז"ל נישט ענטפערן אמן אן צו וויסן אויף וואס עס ווערט געענטפערט, און א אמן וואס ווערט יא אזוי געענטפערט רופן זיי אן 'אמן יתומה', ווייל עס איז אפגעריסן פון די ברכה ווי א יתום וואס האט נישט עלטערן.

לייגט צו **רבי אליעזר הורוויץ פון טארניגראד**, לויט דעם א אמן וואס ווערט געזאגט אן כוונה קען מען אנרופן מיטן נאמען 'אמן אלמנה'. ווייל ענטפערן אמן דארף געטוהן ווערן דורך די גוף און נשמה צוזאמען, ד.מ. זאגן מיט די מויל, און מיט כוונה וואס איז פארבינדן צו די נשמה, און אויף דעם שטייט (תהלים קנ ו): "כל הנשמה תהלל י-ה". קומט אויס אז א אמן וואס איז געענטפערט געווארן נאר מיטן מויל, און אפגעריסן פון די נשמה, איז עס ווי א אלמנה וואס האט נישט קיין מאן.

אויף די צוויי אמנים ווארנט אן דער פסוק (שמות כב כא): "כָּל אַלְמָנָה וְיָתוֹם **לֹא** תְעַנּוּן" - נישט ענטפערן 'אמן יתומה' און 'אמן אלמנה' ('נועם מגדים' פרשת משפטים).

## שערי ישועה

### די סגולה פון ענטפערן אמן

**אט איז פאר אייך אן אויטענטישע מעשה אויסגעארבעט לויט א בריוו וואס איז געשיקט געווארן צו די 'בני אמונים' רעדאקציע דורך די בעלת המעשה, און האט דעם כח צו מחזק זיין און מעורר זיין איבער דעם באקאנטן כח פון ענטפערן אמן, עס זאל ארויסנעמען פון יעדע צרה און נויט, און ראטעווען מכל נגע ומחלה די וואס זענען מקיים די מצוה.**

אין הויז פון פאמיליע ר. הערשט א ציטער און שרעק. דער קליינער שרוליק, נאר צוויי און א האלב חדשים אלט, האט אנגעהויבן וויינען און זיך שטיקן, און די שרעקליכע סיבה אויף דעם האט זיך גלייך אנטפלעקט. א צייט פריער, האט זיין מאמע, ווי א געווענליכע זאך, צוגעגרייט פאר אים די מאטערנא-פלאש. נאטירליך האט זי ארייגעגאסן הונדערט און אכציג מיליליטער ווארימע וואסער פון די קעסל וואס איז געשטאנען אין די קיך, צוגעלייגט צו דעם דריי לעפל מאטערנא, עס אויפגעשאקלט און איבערגעגעבן פארן הונגעריגן בעבי וואס זי האט געהאלטן אין אירע הענט, און דער קינד האט זיך געאיילט צו שלינגען מיט דארטש.

די איבערגעגעבענע מאמע האט נישט געוואוסט, אז מיט עטליכע מינוט פריער האט איינער פון די הויזגעזונד באשלאסן צו רייניגן דעם קעסל פון די שטיינער וואס האט זיך אנגעזאמלט אין דעם. ער האט אויסגעליידיגט די וואסער פון קעסל, און אנשטאט דעם האט ער אריינגעגאסן אין דעם א גלאז מיט א מאטעריאל צו רייניגן די שטיינער.

### א סימן פון הימל

עס רעדט זיך פון א גיפטיגע און געפערליכע מאטעריאל, און דער קינד האט דערפון אומשולדיג געטרונקען א גאנצע פלעשל. ערשט נאכדעם וואס ער האט זיך אנגעהויבן שטיקן, האט די מאמע אנטדעקט דעם טעות און זיך געאיילט מיט אים, איינגאנצן דערשראקן, צו פליען צו די שפיטאל, מיט א האפענונג, אז זיי וועלן קענען ראטעווען...

די עלטסטע טאכטער וואס איז מיטגעפארן מיט איר מוטער און צוגעזען די מעשה שרייבט:

"מיר זענען גלייך אפגעפלויגן אין שפיטאל, ווען אונזערע ליפן מורמלען קבלות און תפילות. אויפן וועג האבן מיר אומגעראכטן זיך באגעגנט מיט א 'בני אמונים' באס, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעשפרייט א גלענצנדיגע אדווערטייזמענט איבער די מעלה פון 'אמן'. מיר האבן אין דעם געזעהן א צייכן פון הימל, און צוליב דעם האבן אונז זיך מיר געאיילט, מקבל זיין זיך מחזק זיין אין ענטפערן אמן און באזונדער נאך ברכות השחר. ווען מיר זענען אנגעקומען אין שפיטאל, האט דער דאקטער מיט ציטער און זארג אונטערזוכט מיין ברודער, און באלד האט זיך א שמייכל אויסגעשפרייט איבער זיין פנים, די אונטערזוכונג האט געוויזן אז מיטן אויבערשטנ'ס הילף האט די שעדליכע מאטעריאל שוין אנגעהויבן ארויסגיין פון די קערפער. און נישט אנגעמאכט קיין שאדן. מיר זענען צוריק אהיים אין א קורצער צייט, מיט שבח והודי' צום אויבערשטן, א דאנק פאר אייך 'בני אמונים'".

## שערי גן עדן

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער משגיח רבי דוב יפה טרעט אויף ביי א כינוס פון בני אמונים

## רבי דוב יפה

### י"ט חשון תשע"ח

רבי דוב יפה איז געבוירן געווארן אין יאר תרפ"ח אין שטאט ווילנא צו זיין פאטער רבי צבי יחזקאל. אין יאר תרצ"ה איז ער ארויף מיט זיין משפחה קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין תל אביב. ער האט געלערנט אין די ישיבה פון די נייע ישוב אין תל אביב וואו דארט האט ער זיך צוגעטשעפעט צו רבי יואל קלופט. פון דארט האט ער פארגעזעצט אין די ישיבה וואס זיין רבי האט אויפגעשטעלט אין פרדס חנה. נאכדעם האט ער געלערנט אין ישיבת חברון וואס איז אין ירושלים, און אויך אין פאנאוויזש און אין סלאבודקא וואס זענען אין בני ברק.

ווען ער איז אנגעקומען צו די יארן פון שידוכים האט רבי אהרן כהן ראש ישיבת חברון אים גענומען אלץ א חתן פאר זיין פלומעניצע די יתומה וואס ער האט ערצויגן. נאך זיין חתונה האט ער געוואוינט אין די גאולה געגנט נאנט צו די ישיבה. אין יאר תשט"ו איז ער געשטעלט געווארן צו דינען אלס משגיח אין ישיבת 'כנסת חזקיהו' אין כפר חסידים, אונטער זיין רבי דער משגיח רבי אליהו לאפיאן, א פאסטן וואס ער האט אנגעהאלטן ביז ענדע זיין לעבן. ער איז געווען א מאדעל פאר אסאך תלמידים וואס האבן זיך געהאלטן נאנט צו אים. די מוסר-שמועסן וואס ער האט איבערגעגעבן זענען פארעפנטליך געווארן אין די סעריע ספרים 'לעבדך באמת'.

ער איז נפטר געווארן נאך א תקופה פון קראנקהייט, י"ט חשון תשע"ח, און איז באערדיגט געווארן אין די בית הקברות אין רכסים.

**פאלגנד איז א ארטיקל וואס איז געשיקט געווארן פון די משגיח זצ"ל'ס הויז צו די 'בני אמונים' רעדאקציע אין חודש אלול תשע"ה:**

### ענטפערן אמן – א דערמאנונג צו לעבן מיטן בורא

אין ספר חובות הלבבות (שער הבחינה פ"ה) שטייט אז הקב"ה האט באשאפן דעם וועלט אויף אזא וועג אז וואס עס פעלט אויס דאס מערסטע פארן לעבן פון דער מענטש, איז אויך דאס גרינגסטע צו דערגרייכן, צ.ב.ש. אוקסידזשען (חמצן) און וואסער, ווייל זיי זענען דער יסוד און עיקר פון די עקזיסטענץ פון דער מענטש, איז דאס די מערסטע גרינג צו צו טרעפן. דער אלטער פון קעלם לערנט פון דעם אז אויך אין עניני רוחניות פירט זיך אזוי השי"ת, וואס עס פעלט אויס דאס מערסטע צו א רוחניות'דיגע לעבן, און דאס איז 'אמונה', איז זייער גרינג צו דערגרייכן. כאטש די הנהגה פונעם באשעפער איז יעצט אין א בחינה פון 'הסתר פנים', פון דעסטוועגן די עצם ארדענונג פון די בריאה איז א עדות אז עס איז דא א באשעפער וואס האט באשאפן דער וועלט, און אזוי ווי עס שטייט (ישעיה מ כו): "שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה".

הגה"צ רבי שלמה ברעוודא זצ"ל פלעגט דערמאנען די ווערטער פון חז"ל (מכות כג א): "בא חבקוק והעמידן על אחת: 'וצדיק באמונתו יחיה'", דער לשון 'יחיה' לערנט אונז אז עס איז נישט גענוג מיר זאלן גלייבן, נאר מיר דארפן לעבן מיט אמונה; צו וויסן וואס איז דער צענטער פון אונזער לעבן - לעבן מיטן באשעפער!

און באמת טרעפן מיר אז רבינו יונה אין 'שערי תשובה' (ש"ג אות כז) לערנט אז דער פסוק: "השמר לך פן תשכח את ה' אלוקיך" איז א ווארענונג און א לאו, מיר זאלן נישט פארגעסן דעם באשעפער אין אלע אונזערע מעשים. און דאס איז ווייל די אמונה איז אונז מחייב זיך צו פירן לויט דעם, און אזוי ווי ער שרייבט דארט: "וחייב האדם להשתדל לקנות לנפשו תמיד ההנהגות המחויבות מן הזכירה, כמו היראה והצניעות וקישוט המחשבות וטכסיס המדות, כי זרע הקודש ישיגו כל הנהגה נאווה המעטירה בעליה מזכירת ה' יתברך".

און דאס איז די כוונה וואס מען האט מתקן געווען ביי דער נוסח הברכות: "ברוך אתה ה'", מיט א לשון נוכח: "אתה", ווייל באמת זעהן מיר דעם באשעפער דורך די אויסשטעלונג פון אלע זיינע מעשים וואס זענען א באוויז אויף די וואס האבן זיי געטוהן.

חז"ל (סנהדרין קי ב) ברענגען עטליכע דעות וואס איז דער צייט וואס א קטן איז זוכה צו חיי עולם הבא, איינס פון זיי איז: "תנא משום רבי מאיר, משעה שיאמר אמן". און נאך ברענגען זיי: "מאי אמן? אמר רבי חנינא 'אל מלך נאמן'", ד.מ. אז די ראשי תיבות פון אמן איז "אל מלך אמן". איך בין געוואוינט צוברענגען די שיטה פון הגר"ח וואלאזשינער ('כתר ראש' אות נה) אז ענטפערן אמן איז די כוונה "הלואי". אבער דער מהרש"א (ח"א) שרייבט דארט דערהויבענע געדאנקען, אז די ווארט אמן איז איר באדייט באשטעטיגן דער זאך און זיין ווירקליכקייט, אזוי ווי עס שטייט אין נזיר (סו ב): "גדול העונה יותר מן המברך". און צוליב דעם איז דער קטן זוכה עס זאל זיך עפענען פאר אים די טויערן פון גן עדן, ווייל מיטן זאגן די ווארט וואס ווייזט אויף די אמת'דיגקייט פונעם באשעפער, האט ער זוכה געווען צו א וועלט.

לויט דעם ערקלערט דארט דער מהרש"א די כוונה פון די גמרא וואס פרעגט וויאזוי ליגט אין די ווארט "אמן" א באשטעטיגונג אויפן באשעפער אין עולם הזה און אין עולם הבא, און ענטפערט אז דאס איז צוליב דעם וואס די ווארט אמן איז ראשי תיבות "אל" - אין עולם הזה, "מלך" - משפט'ן אלע מענטשן אין עולם הבא, און איז "נאמן" - צו באצאלן שכר און עונש פאר יעדן לויט זיין פירונג. אט יעצט האבן מיר א געלעגנהייט ביי יעדע ענטפערן אמן, צו געדענקען הקב"ה, לעבן מיט אונזער תפקיד אויף דער וועלט צו לעבן מיטן באשעפער. און ווי צוגעפאסט איז דאס צו די געבעהט פון רבי יהודה הלוי: "אלוקי אנה אמצאך - מקומך נעלה ונעלם, ואנה לא אמצאך - כבודך מלא עולם".

די ווערטער זענען איבערגעגעבן געווארן דורך זיין
תלמיד הרה"ג ידידיה יוסף שווארץ
און איז אריבער א גרונטליכער איבערבליק פון דער משגיח זצ"ל